# א ליכטיגן תמיד

אודיא

פנים מאירות

אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

יום ב' פרשת בלק תשפ"ב

### א דערהויבענע מדריגה - אלעס טוט דער אויבערשטער!

אין ספר דברי ישראל (-מאדז'יץ) ברענגט ער די וואך אויפן פסוק 'כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א-ל', פרעגט ער, פארוואס הייבט ער אן פון אנפאנג מיטן נאמען 'יעקב' און דערנאך מיטן נאמען 'ישראל', די נאמען 'ישראל' איז דאך א גרעסערע מדריגה?

נאר וואס דען? 'יעקב' ווייזט אויף 'קטני הדעת' אויף פשוט'ע מענטשן, 'ישראל' ווייזט אויף די 'גדלי המוחין'. די סדר פון 'יעקב' - די קטני הדעת, זיי זאגן: 'כעת' די זמן, די שווערע צייטן, דאס איז אלעס גורם, עס איז שווערע צייטן, ממילא, קען מען נישט לערנען און דאווענען און אנגיין, מען איז צאמגעבראכן. אבער 'ישראל', די דערהויבענע אידן, זיי זענען שטענדיג אין אמונה ובטחון, און זיי זאגן 'מה', אלעס וואס געשעט אויף די וועלט, 'פעל א-ל', טוט דער הייליגער באשעפער, און עס איז זיכער לטובה, ווייל 'מאתו לא תצא הרעות' - פונעם הייליגן באשעפער גייט נישט ארויס שום שלעכטס. דאס איז די עבודת הקודש פון א 'ישראל', פון איינער וואס ער לעבט אין א העכערע מדריגה, אין מוחין דגדלות.

ווען א איד גלייבט אז די זמנים זענען נישט גורם אויף א מענטש גארנישט, ער איז גורם אויף די זמנים. אויב קוקט ער עס אן אז עס איז שווערע צייטן, און ער טראכט אזוי, וועט ער עס אזוי זען. אבער אויב טראכט ער, 'מה' אלעס וואס געשעט, איז 'פעל א-ל', וועט ער זיין אין א בחינה פון ישראל, פון א אויפגעהויבענעם מדריגה, בעזר השם ובס"ד.

### גארנישט וועט אונז נישט אוועקנעמען פון די אמונה און אהבת ה'

עס איז געווען ביי די צווייטע וועלט קריג, וואס די דייטשן ימש"ו האבן אויסגעהארגעט מיליאנען אידן הי"ד,




איז דאך געווען די געטאס, און רח"ל די דייטשן האבן אויסגעהארגעט און פארברענט גאנצעטע געטאס רח"ל. איז געווען א איד וואס ער איז געבליבן לעבן אין די געטא, ער האט זיך ארומגעדרייט דארט, האט ער געטראפן א ביכל פון איינער פון די יונגעלייט וואס זענען געווען דארט אין די בונקערס, וואס ער האט געשריבן א טאג-בוך. שרייבט ער דארט אזוי: די גאנצע בונקער איז שוין נעבעך נישט לעבעדיג, ער איז אליין אינעם בונקער, ער שפירט ער איז אין א מצב פון גסיסה, אויסגעהונגערט, שרעקעדיגע יסורים, און ער ווייסט אויך, אז ביז א פאר שעה גייט ער שוין נישט זיין צווישן די לעבעדיגע רח"ל, ווייל די געטא פלאקערט און ער זעט שוין ווי די פייער קומט צו גיין נאנטער און נאנטער, עס כאפט זיך פון איין הויז צום צווייטן, ער זעט ווי די פייער גייט אנקומען צום בונקער, ער קען שוין נישט אנטלויפן, ער איז שוואך, ער קען נישט גיין. האט ער אנגעפאנגן טראכטן ביי זיך אזוי, עס איז דא דעות וואס האלטן אז על פי הלכה האט ער א רעכט זיך צו געבן א ווארף אריין אין פייער, וואס גייט ממילא אנקומען צו אים, כדי ער זאל נישט דורכמאכן די אלע שעות פון שרעקעדיגע יסורים. אבער ער ביי זיך איז ער שטארק מסופק געווען, ער זאל עס נישט טון, נאר ווילאנג ער לעבט זאל ער לעבן, און אז דער באשעפער וועט שיקן א פייער, וועט ער דעמאלט פארברענט ווערן.

און ער שרייבט ווייטער, אז ער האט זיך דערמאנט א מורא'דיגע מעשה, וואס עס האט פאסירט אין די צייטן פון די אינקעוויזיציע, אין שפאניע. אין שפאניע זענען דאך געווען די באהאלטענע אידן, די אנוסים. אינדרויסן האבן זיי זיך אויפגעפירט געהעריג ווי די גוים, ווי די נוצרים, אבער באהאלטענערהייט האבן זיי געהיטן כל התורה כולה מיט מסירת נפש, יעדער איינער האט געוואוסט, אז ווען מען כאפט א באהאלטענער איד, מאכט מען אן או טו דאפע, מען פארברענט אים ברבים רח"ל.

ביי איינע פון די גאר חשובע משפחות, גרויסע עשירים, גרויסע ביזנעסלייט, וואס זיי האבן מצליח געווען זיך צו האלטן יארן לאנג מיט זייער באהאלטענע אידישקייט, אז די אינקעוויזיציע זאל זיי נישט טרעפן. עס איז געקומען א טאג וואס זיי זענען אנטפלעקט געווארן, מען האט זיי פארמסר'ט, מען האט זיי געכאפט, און פארשטייט זיך אז די רעגירונג האט זיי געוואלט נעמען און פארברענען.

זיי האבן אבער געהאט א גאר נאנטער משפחה מיטגליד אין די רעגירונג, ער

האט זיי מודיע געווען אז מען גייט זיי כאפן, און זיי האבן נאך יענע נאכט אנטלאפן די לעצטע מינוט. פארשטייט זיך, בעירום ובחוסר כל, זיי האבן געמוזט איבערלאזן אלע זייערע חפצים, זיי האבן גארנישט געקענט מיטנעמען, זיי זענען ארויס מיטן לעבן ב"ה. זיי האבן געוואגלט פון איין פלאץ צום צווייטן, ביז זיי זענען אנגעקומען אין א פליטים לאגער אין מאראקא, פון אלע אנטלאפענע פון שפאניע.

דארט איז געווען זייער א שווערע מצב, די ארימקייט, די הונגער, עס איז נישט געווען קיין ריינקייט, האט זיך אריינגעכאפט דארט מחלות און מגיפות, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, וואס דארט האט זיך אפגעטון. איין צופרי שטייען אויף די עלטערן, זיי וועקן אויף די קינדער, און איין קינד שטייט נעבעך נישט אויף רח"ל. די אנדערע טאג, נאך א קינד וועקט זיך נישט אויף, און אזוי האבן זייביידע עלטערן פארלוירן אלע קינדער נעבעך אין די מגיפה און מחלות דארטן אין מאראקא.

די עלטערן האבן זייך שטארק געשטארקט, אבער צום סוף האט די מאמע אויך נישט געקענט אויסהאלטן די שווערע מצב דארטן, און אויך אוועק פון די וועלט, און עס איז איבערגעבליבן נאר די טאטע אליין. האט דער טאטע געזאגט:

"רבוש"ע, איך ווייס אז אלע שוועריגקייטן וואס איך בין אדורך, זענען געווען נסיונות. רבוש"ע, דו האסט מיך געשטעלט אין נסיונות צו זען אויב איך וועל אונטערברעכן, אויב איך וועל אויפהערן צו גלייבן אין דיר, אויב איך וועל אויפהערן דיר ליב צו האבן. וואס נאך איז איבערגעבליבן וואס דו קענסט מיך אויספרואוון? אין שפאניע האב איך געהיט די תורה באהאלטענערהייט, איך האב קיינמאל נישט אויפגעגעבן די תורה מיט די אמונה. שפעטער זענען מיר אנטלאפן כדי צו בלייבן אידן, דערנאך רבוש"ע, האסטו אוועקגענומען אלע קינדער מיט די ווייב אויך, וואס נאך קענסטו טון? צוויי זאכן איז געבליבן, אדער אוועקנעמען מיין לעבן, און די צווייטע זאך איז אוועקנעמען מיין אמונה!" זאגט דער איד פארן הייליגן באשעפער: "אויב ווילסטו אוועקנעמען דאס לעבן, נעם עס דיר געזונטערהייט רבש"ע! בעל כרחך אתה חי, דאס לעבן באלאנגט ממילא פארן אויבערשטן! אבער אויב ווילסטו אוועקנעמען מיין אמונה, מיין ליבאשאפט, דו קענסט עס נישט אוועקנעמען הייליגער באשעפער! מיין אמונה, מיין ליבשאפט, וועל איך אנהאלטן און איך וועל קיינמאל פון דעם נישט אוועקגיין, איך וועל דאס קיינמאל נישט פארלירן!" - אזוי האט געזאגט דער איד אין מאראקא, נאכדעם וואס ער האט פארלוירן זיין ווייב און קינדער.

שרייבט דער איד אין זיין טאג בוך: אזויווי ער האט זיך דערמאנט די מעשה, האט ער מחליט געווען, אז ער גייט לעבן אויף די וועלט מיט אמונה און ליבשאפט צום הייליגן באשעפער, ביז די פייער גייט אנקומען, ער גייט אריינכאפן יעדע רגע פון ליב האבן דער אויבערשטער, און האבן אמונה אינעם אויבערשטן. דער איד שרייבט דארטן אין זיין טאג בוך: "רבוש"ע, דאס לעבן קענסטו אוועקנעמען, אבער נישט אונזער אמונה און ליבשאפט, איך וועל קיינמאל, ביז די לעצטע רגע, נישט אויפגעבן מיין אמונה




און מיין ליבשאפט צו דיר טאטע, איך וועל מלחמה האלטן מיט די יצר הרע און איך וועל דאס קיינמאל נישט אויפגעבן.

אזוי אויך זאגן מיר פארן הייליגן באשעפער: קיין שום מצב און קיין שום נסיון וועט אונז נישט אוועקנעמען פון אונזער אמונה און בטחון און ליבשאפט צום באשעפער!

## די גרויסע כח פון א צדיק'ס א ווארט

איין פרייטאג צונאכטס איז אריינגעקומען א איד צו רבי בנימין דיסקין, דער רב פון שטאט 'לאמזשא' [ער איז געווען דער טאטע פונעם מהרי"ל דיסקין, דער שרף פון בריסק זצ"ל] הערן ווי דער רב זאגט תורה, פאר דער איד איז ארויסגעגאנגן האט ער געזאגט פארן רב, אז מארגן זונטאג, טראכט ער צו פארן, מאכן געשעפטן, אין יענע יענע שטאט. דער רבי בנימין האט געזאגט: איר מיינט צו זאגן, איר וועט גיין... [ווייל שבת טאר מען דאך נישט רעדן פון זאכן וואס מען טאר נישט טון שבת, און אז מען טאר נישט פארן, זאגט מען נישט 'פארן' מען זאגט 'גיין'] דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער רב זאגט, און ער האט ווייטער געזאגט: יא, ער פלאנט צו דורכפארן די שטאט און די שטאט, און יעדעס מאל האט אים רבי בנימין דיסקין פארראכטן און געזאגט 'גיין'. ער האט נישט פארשטאנען, ער איז געווען אן עם הארץ. ער זאגט 'גוט שבת' און ער גייט ארויס פון רב'ס שטוב.

זונטאג גייט ער ארויס צו די וועגענער, דארט וואו מען נעמט אויף די מענטשן, און ער האט געטראכט צו נעמען די ערשטע וואגן, און מען ווייזט אים צי, אז דער וואגן וואס פארט, דארט וואו ער וויל פארן, איז ממש יעצט ארויסגעפארן פונעם סטאנציע, מען זעט נאך די וואגן. ער האט עס אנגעפאנגן נאכלויפן, אבער די וואגן איז געגאנגן שנעלער, ער האט עס נישט געקענט כאפן. צום סוף האט ער אנגעפאנגן גיין צו פיס זיך אפשטעלן אין א צווייטער פלאץ וואו מען קען נעמען וועגענער צו פארן, ער קומט דארט אן האט זיך איבערגעשפילט די זעלבע זאך, מען זאגט אים אז די וואגן וואס פארט דארט וואו ער וויל אנקומען, איז ממש יעצט אוועקגעפארן, ער וויל עס נאכלויפן און ער קען עס נישט נאכלויפן, און אזוי האט ער געהאלטן אין איין האבן דורכן זונטאג ווי דער וואגן פארט און ער לויפט עס נאך צופיס, און ער גייט פון סטאנציע צו סטאנציע, און ער פארלירט די וואגן.

ער האט גלייך געכאפט אז דאס האט צוטון וואס דער רב האט אים געזאגט, ער האט געזאגט פארן, און דער רב האט געזאגט גיין, און ער זעט טאקע אז פון

הימל פירט מען אז ער לויפט א גאנצן טאג צו פיס. איז ער צוריקגעגאנגען צום רב, און אים פארגעהאלטן, אז דער רב האט אזא קפידה, וואלט דער רב אים געדארפט זאגן, ער האט דאך דא קאליע פרנסה.

האט אים געזאגט דער רב, רבי בנימין: איך האב ח"ו נישט געוואלט דיר מאכן קיין שלעכטס, נאר פשוט, עס איז א הלכה אין שו"ע אז מען רעדט נישט שבת, זאכן וואס מען טאר נישט טון אין שבת, זאכן וואס זענען אסור, רעדט מען נישט. דו רעדסט פון פארן, און איך האב געזאגט גיין...

## א ווארט איז משפיע

לענינינו: יעדע ווארט וואס א מענטש זאגט ארויס פון מויל, די וועג וויאזוי ער זאגט עס איז משפיע אויף א מענטש. ווען א מענטש רעדט פאזיטיוו און גוט, פאסירט גוטס, זאכן ארבעטן זיך אויס גוט, מען איז מהפך די דינים און עס ווערט רחמים וחסדים גלוים. אבער א מענטש וואס קרעכצט, און רעדט פון יאוש עצבות און מרה שחורה ח"ו, עס איז משפיע אויף א מענטש.

## עד שתגיע למקומו

איינער פון די גדולים האבן געפירט א דין תורה, און דער איד וואס האט פארלוירן די דין תורה האט אנגעפאנגן שרייען מיט געוואלדיגע קולות, ער איז געווען זייער בייז און זייער וויי געטון.

דער ראש בית דין איז געזעסן שטיל און רואיג און אים אויסגעהערט. ווען יענער איז ארויסגעגאנגען, האט אים איינער געפרעגט: א ראש בית דין איז מחויב צו ליידן פון אזא מחוצף? מען מעג אים נישט ארויסשיקן? עס איז נאך בזיון כבוד התורה?!

האט אים דער ראש בית דין געענטפערט: זאג נאר רבי איד, דו האסט שוין אמאל פארדינט הונדערט טויזענט דאלער? האט דער איד געזאגט: ניין! דו האסט שוין אמאל שאדן געהאט הונדערט טויזענט דאלער? האט ער אים אויך געענטפערט אז ניין. זאגט ער אים: אויב אזוי, אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו. דער איד, ביים פארלירן די דין תורה, האט ער געשפירט ווי ער האט פארלוירן א מיליאן דאלער, די צער פון א מענטש וואס האט פארלוירן א דין תורה, טוט אזוי וויי ווי ער האט פארלוירן מיליאן דאלער, און אז ער איז אזוי בצער, מוז איך אים אויסהערן, מוז איך אים געבן דאס געפיל, איך פארשטיי אים, און אז ער שרייט זיך אויס - פאסירט גארנישט.

אך טוב וחסד און א לעכטיגן תמיד אמן כן יהי רצון.


**קול פנים מאירות**

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע טעלעפאן:** 845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691

| **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500

# מקבל זיין יסורים מאהבה - וויאזוי?!

**שאלה: אין פסוק שטייט 'אשרי הגבר אשר תיסרנו י-ה - וואויל איז א מענטש וואס דער הייליגער באשעפער גיבט אים יסורים' און דורכדעם באקומט ער כפרת עוונות. יסר יסרנו י-ה ולמות לא נתנני' - יסורים וואס א מענטש האט, קומט פונעם הייליגן באשעפער. פרעגט זיך דער מענטש אן: וויאזוי קען א מענטש מקבל זיין יסורים, ווען אין די זעלבע צייט וויל ער פטור ווערן פון די יסורים, און מען טוט אלעס אין די וועלט פטור צו ווערן פון יסורים. ווען א מענטש האט יסורים וועט ער נעמען מעדעצינען נישט צו שפירן די יסורים, די יסורים זאלן אוועק גיין. ער גייט מאכן איבונגען, ער גייט טון אלעס אין די וועלט די יסורים זאלן אוועקגיין. און פון די אנדערע זייט, דארף מען מקבל זיין די יסורים באהבה, מען דארף וויסן, דער הייליגער באשעפער שיקט אונז די יסורים. וויאזוי קומט צוזאמען די צוויי זאכן?**

תשובה: ווען דער הייליגער באשעפער שיקט יסורים אויף א מענטש, טוט ער דאס כדי אים אויפצווועקן, כדי אים צו דערמאנען אז ער איז אראפגעקומען אויף דער וועלט מיט א ציל; תכלית און תפקיד. און עס זענען פאראנען צוויי ערליי יסורים, אדער דער הייליגער באשעפער וועקט אים אויף ער זאל תשובה טון, עפעס וואס ער טוט, דארף ער אפשטעלן פון דאס טון, און דורך די יסורים מאכט ער די חשבון הנפש. אמאל האט ער יסורים סתם אויסגעלייטערט צו ווערן, ער האט געטון זאכן וואס ער דארף האבן א כפרה אויף דעם, און יעדע מענטש דארף כפרת עוונות, עס איז נישט שייך אנדערש, און דער הייליגער באשעפער שיקט אים יסורים. עס איז אויך דא יסורים וואס דער הייליגער באשעפער פרואווט א מענטש צו זען צו דער מענטש וועט עס מקבל זיין באהבה, צו דער מענטש האט די ריכטיגע אמונה אינעם אויבערשטן. די יסוד אבער פון די יסורים איז, עס איז דא א תכלית, די תכלית איז, אז יסורים איז א מעלדונג

פונעם הייליגן באשעפער: איך פרואוו דיך! יעצט מיין טייער קינד, ביסט אין נסיונות, מאך עס אדורך, מאך אדורך די יסורים, זיי עס מקבל באהבה, טו וואס מען דארף צו טון ווען מען האט יסורים, ברענג דיך נאנטער צום אויבערשטער דורך די יסורים, ברענג דיך נאנטער צו די תורה!

אין די זעלבע צייט, האט דער רבוש"ע אונז געגעבן די מתנה פון 'ורפא ירפא' פון 'ונשמרתם מאוד לנפשותיכם' פון 'וחי בהם' - ווער איז דער וואס האט געמאכט די מעדעצינען וואס פארלייכטערן די יסורים? אויך דער הייליגער באשעפער! פארוואס האט ער עס געמאכט, פאר די גוים? פאר די חיות און בהמות און עופות? דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט פאר אונז אידן! אלא מאי, דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט מיט די צורה פון בחירה, ווען דו נעמסט אוועק די יסורים און דו האסט נישט מקבל געווען באהבה די יסורים, און דו האסט גארנישט געטוישט אין דיין לעבן לכבוד די יסורים - דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, אדער וועט קומען אנדערע יסורים, אדער חלילה וחלילה עס וועט אויסקומען מען וועט מוזן געבן א דין וחשובן אויף יענע וועלט.

מען מעג אוועקנעמען יסורים, דער הייליגער באשעפער איז דער וואס מאכט מען זאל אוועקנעמען די יסורים, אבער אין די זעלבע צייט נתעורר ווערן, כאפן די מעלדונג, פארשטיין די מעלדונג, און טון וואס מען דארף צו טון. זיך קלאפן סלח לנו, מאכן קבלת טובות אויפן עתיד, און לעבן אין אמונה, און ווייזן געטריישאפט פארן הייליגן באשעפער.

ווען א מענטש ווערט בעצבות ובמרה שחורה, איז עס סאך ערגער ווי ער נעמט מעדעצינען אוועקצונעמען די יסורים. ווייל ווען א מעטש ווערט בעצבות ובמרה שחורה, איז א סימן אז ער גלייבט נישט אינעם אויבערשטן, איז עס א חסרון אין אמונה. ווידעראום ווען א מענטש נעמט איין זאכן כדי נישט צו שפירן די יסורים, איז נישט פשט אז ער איז חלילה וחס בועט אינעם אויבערשטן, ער ווידערשפעניגט אינעם אויבערשטן - ניין, ער ווייזט ער האט יסורים, און ער איז עס מקבל באהבה, ער טוט וואס ער דארף צו טון, און יעצט איז ער מקיים דאס וואס איז אויך א רצון השם, אז מען זאל נעמען זאכן אוועקצונעמען די יסורים.

און יעדער מענטש האט זיך א בחירה וויפיל יסורים ער ווילליידן, וויפיל ער וויל אוועקנעמען, וויפיל ער וויל נישט אוועקנעמען. דער הייליגער באשעפער האט דאס געלאזט פאר אונז, און פארשטייט זיך, אז ווי מער יסורים, מער כפרת עוונות, ווי ווייניגער יסורים, ווייניגער כפרת עוונות. אבער טאמער א מענטש נעמט די אלע זאכן כדי ער זאל קענען לערנען און דאווענען און ער ווייזט פארן הייליגן באשעפער געטריישאפט, ווייל ער וויל מקיים זיין מצוות, דאס אליין איז די רצון השם.

די יסוד איז, אז מיר לעבן מיטן אויבערשטן, און אונז פארשטיי מיר וואס דער אויבערשטער איז אונז מרמז, וואס דער אויבערשטער מעלדט אונז, און מיר קומען אפיר דערמיט, דאס זענען די יסודות.

א מענטש זאל האבן יסורים און עס סתם אוועקשטופן, און וועלן פטור ווערן דערפון, און נישט וועלן מאכן קיין תיקונים - די יסורים גייען צוריקקומען, ער גייט נישט פטור ווערן, אדער אויף די וועלט אדער אויף יענער וועלט, עס לוינט זיך נישט. נישט דאס איז די רצון השם, מאך זיך ווייסנדיג פון די יסורים, באופן פון מקבל זיין באהבה, באופן אויב דו קענסט עס פארלייכטערן פארלייכטער עס, פארגעס אבער נישט די תכלית און תפקיד, און דעמאלט וועסטו צוקומען צו די תיקון השלימות.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**




## נייע פרישע שיעורים ארויף אויפן סיסטעם:

- ניישט ווערן צעקלאפט פון אנדערע מענטשן.
- געזונטע זיווג - גיב אוועק דיינע נאטורן צום רצון השם.
- כעס בא מחסרון אמונה.
- שיעור בענין ענווה ושפל ברך.
- שיעור א - פארוואס ווי פריער שרייבן צוואה.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך,
שיקט צו: gilyonospm@gmail.com